**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 02/03/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט א בענדל-שניידונג פון לאנג איילענדס אוניווערסיטיס $26 מיליאן קאלעדזש פון די וועטערינאריע מעדיצין לערן-צענטער**

***סטעיט פינאנצירונג פון $12.75 מיליאן צו שטיצן צוקונפדיגע דורות פון וועטערינארן***

***העכסט מאדערנע אינסטיטוציע וועט צוציען גענייטע פראפעסיאנאלן, נייע פאסטן געלעגנהייטן, און עקאנאמישע געוואוקס צום ראיאן***

***לערן-צענטער דינט אלץ אנקער פאר דער קאלעדזש פון וועטערינאריע מעדיצין***

***לאנג איילענד אוניווערסיטי קאלעדזש פון וועטערינאריע מעדיצין איז איינע פון בלויז פיר וועטערינאריע פראגראמען אין דער צפון-מזרח***

גאווערנער קעיטי האקול האט היינט געמאלדן דאס בענדל-שניידונג פון לאנג איילענד אוניווערסיטיס קאלעדזש פון וועטערינאריע מעדיצין לערן-צענטער אין איר לאנג איילענד אוניווערסיטי פאסט קאמפוס אין ברוקוויל, נאסאו קאונטי. לאנג איילענד אוניווערסיטי האט אינוועסטירט $53 מיליאן צו באשעטיגן דעם קאלעדזש פון וועטערינאריע מעדיצין, וואס איז כולל דעם היינטיגן מעלדונג פון דעם נייעם וועטערינאריע לערן-צענטער. די העכסט-מאדערנע, 33,100 קוואדראט פיס דינט אלץ דעם אנקער פונעם קאלעדזש פון וועטענאריע מעדיצין און וועט צוגרייטן סטודענטן וואס זענען איינגעשריבן אין דעם דאקטער פון וועטערינאריע מעדיצין פראגראם מיט אן ארומנעמיגע בילדונג און עכטע-וועלט געניטשאפטן דורך א פיר-יעריגע פראגראם. געשטיצט ביי ניו יארק סטעיט פינאנצירונג פון $12.75 מיליאן, דער קאלעדזש פון וועטערינאריע מעדיצין איז די איינציגע וועטערינארישע פראגראם אנערקענט ביי דער אמעריקן וועטערינאריע מעדיצינישע פארבאנד קאונסל אויף בילדונג אין ניו יארק מעטראפאליטאן געגנט און נאר איינע פון פיר וועטערינאריע פראגראמען אין דער צפון-מזרח זייט פון אמעריקע.

"ניו יארק סטעיט'ס אינוועסטירונג אין לאנג איילענד אוניווערסיטי קאלעדזש פון וועטערינאריע מעדיצין צייכנט אונטער אונדזער התחייבות אנצוטרעפן די וואקסנדיגע פארלאנג פאר די העכסט-מאדערנע וועטערענארישע סערוויסעס און פארזיכערן אז ניו יארקער זאלן האבן צוטריט צו עדיוקעישן און טרענירונג פאר א וועג צו א קאריערע פון זייער אויסקלייבונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע אינסטיטוציעס, אויסגעריכט מיט די נייעסטע טעכנאלאגיע און צוגעשטעלט דעם פערסאנאל מיט גענייטע לערערס, וועלן צושטעלן פאר די סטודענטן מיט דירעקטע פראקטיק וואס זיי דארפן האבן כדי צו ווערן פעאיגע און מיטפילִיגע וועטעראנערישע פראפעסיאנאלן וואס קענען באווארענען געזונט פאר חיות און אפהיטן די סביבה."

די עדיוקעישן און טרענירונג צוגעשטעלט אין וועטערינאריע פראגראמען איז דער גרונטשטיין פון פראדוצירן הויך-גענייטע פראפעסיאנאלן אינעם פעלד פון חיה-אפהיט און פובליק העלט. דער לערן-

צענטער באַט אן דירעקטע לערן פראַקטיק דורך קלינישע ראטאציעס און פראקטיקום, וואס ערלויבט סטודענטן צו דערגרייכן פראקטישע געניטשאפט און וויסנשאפט אין פארשידענע אופנים. די אינסטיטוציע שטעלט ארויס העכסט-מאדערנע סטודענט-לערערס אויספארש לעבאראטאריע ערטער וואס באשטייט פון גרויסע לעקציע טעאטערס, קלאסצימערן, קלינישע געניטשאפט לעבאראטאריעס, סעמינאר צימערן, און א קליינע חיה-סימולאציע צימער ווי אויך באטראכט צימערן, אפאראציע צימערן, און א מעדיצינישע אימאזשיר צענטער. סטודענטן וועלן צובאקומען עכטע-וועלטס געניטונג אין אפעראציעס, דיאגנאסטישע שטיצע, אינטענסיווער אפהיט, און אנדערע שטחים וואס זענען קריטיש פאר א הצלחה'דיגע וועטעראנעריען פראקטיק דורך דערויסנדיגע שותפות מיט מער ווי 75 פיליאלן, ווי אויך הויפט קעיר און ספעציאליטאטע קליניקס, זאָען, אויספארש לעבארעטאריעס, שיצרטער, וועטעראניראנישע אינדוסטרי פירערס, און אנדערע אוניווערסיטעטן.

וועטערינאריע פראפעסיאנאלן שפילן א שטארקע ראלע אין דער אגרעקולטורע סעקטור, וואס איז א הויפט ביישטייערער פאר דער עקאנאמיע. די פאראהאנענקייט פון לאנג איילענד אוניווערסיטעטס (LIU) וועטערינאריע פראגראם וועט צוציען געניטע פראפעסיאנאלן, וואס וועט ברענגען נייע פאסטן געלעגנהייטן און עקאנאמישע געוואוקס. ניו יארק סטעיטס אינוועסטירונג אין דער פראגראם שטיצט אויך די פארמערונג פון וועטערינארישע פראפעסיאנאלן צו טרעפן דעם גרויסן פארלאנג אין דעם תחום. גראדואנטן פון דער פראגראם וועלן זיין גוט-צוגעגרייט אריינצוגיין אין דער ארבעטסוועלט אלץ פראקטיק-גרייטע וועטערינאריאנען אדער צו פארנעמען זיך מיט אוואנסירטע ספעציעליזאציע אין זייער אויסגעקליבענעם פאך. די אינסטיטוציעס העכסט מאדערנסטע טעכנאלאגיעס, צוזאמען מיט געניטע לערערס און דירעקטע פראקטיק, גרייטן צו די סטודענטן פאר עכטע-וועלטס וועטערינארישע מעדיצין, וואס האלט זיך אין איין אנטוויקלען וואס פאדערט די נייעסטע טעכנעלאגיע און וויסנשאפט. די פראגראם איז יעצט אין איר דריטע יאר און האט איינגעשריבן אומגעפער 300 סטודענטן ביזן היינטיגן טאג, און מיר ריכטן זיך עס זאל וואקסן ביז 450 וועטערינארישע און גראדואיר סטודענטן אין דער 2023-24 אקאדעמישן יאר.

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענטקע, CEO און קאמישאנערין האופ נייט האט געזאגט,** "LIUs קאלעדזש פון וועטעראנירע מעדיצין שטייגט ארויס אלץ א שיינטורעם ווי אזוי עדיוקעישן און אויספארש קענען זיך צונויפקומען צו ברענגען א פאזיטיווע ענדערונג פאר חיות און פארשטארקן דאס געזונט און הצלחה פון אונדזערע קאמיוניטיס. ניו יארקס סטראטעגישע אינוועסטירונג אין אינאוואציע און עדיוקעישן איז קלאר אין דער וועטערינארישע לערן-צענטערס אוואנגארדישע לערן-פראגראם, אויספארש, און קאמיוניטי שותפות וואס וועלן ארבעטן צוזאמען איבערבייטן די סטודענטן צו ווערן אגענטן פון ענדערונגען אינעם תחום פון וועטערינאריע מעדיצין."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג קאמיסיע פארזיצער קעווין לאָאַ האט געזאגט,** "אלץ איינע פון די פיר וועטערינאריע שולעס אין צפון-מזרח אמעריקע, וועט דער וועטערינאריע לערן-צענטער ענדערן דעם מהלך פון דער צוקונפט פון וועטערינארישע מעדיצין. מיט דעם וועגוויזנדיגן צוגאנג צו עדיוקעישן, אונטערגעשטראכן, דירעקטע לערנען און עכטע-וועלט פראקטיק, זענען די סטודענטן פארזארגט מיט די נייטיגע גענישטשאפט און וויסנשאפט צו זיין אויסגעצייכנט אין דעם שטח. מזל טובצו לאנג איילענד אוניווערסיטי פאר איר איבערגעגעבנקייט צו אוואנסירן וועטערינארישע מעדיצין און שטיצן דאס וואוילזיין פון אלעמען."

**סטעיט סענאטארין מאניקא ר. מארטינעז האט געזאגט,**"אלץ א לאנג צייטיגע חיה-ליבהאבער און אדוואקאט, בין איך אויפגעהייטערט אז לאנג איילענד האט איר ערשטע קאלעדזש פון וועטעראנערישע מעדיצין מיט די נייעסטע היים געשטיצט ביי ניו יארק סטעיט. איך בין צופרידן אז LIUs פראגראם איז געבויעט אויף שותפות און אמת'ע-וועלט עדיוקעישן מיט עקסיסטירנדיגע צושטעלערס אזוי ווי דאס שטעטל פון באבילאן חיה שיצארט."

**אסעמבלי מיטגליד טשארלס לאוויין האט געזאגט,** "שוין און נאציאנאלער פירער אין דעם תחום פון וועטערינארישע מעדיצין, דער לערן-צענטער וועט צושטעלן נאך מער רעסורסן פאר סטודענטן און מאכן א וואונדערלעכע צוגאב צו דעם כסדר וואקסנדיגן קאמפוס פון LIU פאסט."

**אויסטער בעי דערפל אויפזעער יאסעף סאלאדינא האט געזאגט,** "איך בין אזוי שטאלץ אז דאס דערפל פון אויסטער בעי באהויזט לאנג איילענד אוניווערסיטעט, א קניפפונקט פאר אקאדעמישע אויסגעצייכנטקייט און וועלט-קלאסישע אויספארש און איז באקאנט פאר פרעסטיזש אין אונדזער קאמיוניטי און נאך ווייטער. זינט דעם אנהייב דריי יאר צוריק, איז דער קאלעדזש פון וועטערינארישע מעדיצין געווארן א ריזיקע מעלה, אלץ איינס פון בלויז פיר וועטערינישע פראגראמען אין צפון-מזרח זייט. איך דאנק LIU און ניו יארק סטעיט פאר זייער אינוועסטירונג אין דעם נעקסטן דור פון אנפירערס אין וועטערינאיע מעדיצין דורך בויען דעם נייעם לערן-צענטער און בין זיך מצטרף אין אפריכטן איר עפענונג."

**דערפל פון בראקוויל מייאר דניאל סעראטא האט געזאגט,**"לאנג איילענד אוניווערסיטעט איז איינע פון די בריליאנטן פון דעם צפון בארטן פון לאנג איילענד. מיטן צוגאב פון דער וועטערינאריע שולע, האבן מיר יעצט א דיאמאנט אין אונדזער קרוין."

**לאנג איילענד אוניווערסיטי פרעזידענטקע דר. קימבערלי ר. קליין האט געזאגט,**" דער קאלעדזש פון וועטערינאריע מעדיצין איז געווען א סטימולאנט פאר לאנג איילענד אוניווערסיטיס פאראויסגאנג אלץ אן אייבערשט -אקאדעמישע און אויספארש פאסיליטי אלץ טייל פון לאנג איילענדס וועלט-קלאסישע לעבנס ווִיסנשאפט קארידאר, און עס וואלט נישט געווען מעגליך אן די שטארקע שטיצע פון גאווערנער האקול און עמפייער סטעיט אנטוויקלונג. מיר זענען זייער שטאלץ פון אונדזער נייע קאלעדזש פון וועטערינאריע מעדיצין פאסיליטאטן און די פארבינדענע קלינישע און אויספארש פראקטיק וואס שטעלט צו פאר סטודענטן מיט גרויסע געלעגנהייטן צו ווערן פירער אין וועטערינארישע אין דער LIJ."

**לאנג איילענד ראיאנל עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל מיט-פארזיצערס לינדא ארמין, הויפט סטראטעגיע און מארקעטינג אפיציר אין בעטפעידזש פעדעראלע קרעדיט יוניאן און פרעזידענט פון פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש דר. דזשאן נעידער האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס אינוועסטירונג אין דעם לאנג איילנד קאלעדזש פון וועטערינארישע מעדיצין קאמפוס, וואס באהויזט די 21 יארהונדערט פאסיליטיס און ערשט-קלאסיגע אינסטראקטארן, איז א פאראויס טראכטנדיגע ברירה וואס וועלן האבן געדויעריגע בענעפיטן פאר אונדזער געזעלשאפט און עקאנאמיע. מיט די פאמערטע פארלאנגען פאר וועטערינארישע סערוויסעס, איז עס נייטיג אז מיר זאל פארזארגן די צוקונפדיגע דורות פון פראפעסיאנאלן מיט די נייטיגע עדיוקעישן און טרענירונג וואס זיי דארפן מצליח צו זיין אלץ איבערגעגעבענע וועטערינארישע פראקטיקערס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418